# The Great Lament

The Literature of Destruction, ed. David G. Roskies (Phila: JPS, 1989).

A new archetype is not born all that often; more rarely still can one trace its actual conception. Because of the extraordinary amount of writing that was done under Nazi occupation and because so much of it survived, we can see exactly how the Holocaust became a new archetype: from the early stage of awareness when it seemed as if everything was a replay of the Middle Ages—ghettos, yellow badges, Jewish councils and mass expulsions—to the final mapping of a landscape where everything was new—cattle cars and transports, death camps and gas chambers. That the process was complete before the war had ended testifies to the vitality of the Jewish cultural response to catastrophe. The chronicling of the Holocaust did not save any lives, but it dignified the millions of lives that were lost by incorporating them into a distinct and commanding memorial.

The ghetto, as we have seen, was the first point on the Holocaust compass. Of all the ghettos, none was more hermetically sealed than the ghetto of Lodz, established in April–May 1940 and finally "liquidated" in August 1944. Through mass deportations the ghetto Jews experienced the methodical nature of the Nazi plan, though it was left to the Judenrat and the Jewish Police to implement the daily quota, and the destination of these transports was never known. The first major deportation, of ten thousand Jews, occurred January 16–29, 1942. It was their plight and the knowledge of his own imminent fate that moved Simkhe Bunem Shayevitsh to write his epic poem *Lekh-lekho* **(91)**, in which he collapsed ten thousand lives into three—a father, mother and child—while linking their fate with that of Jewish martyrs down through the ages.

In the tradition of Bialik, the entire poem is a "countercommentary" on the sacred texts: the command of exile is issued by the enemy, not by God; instead of a Jeremiah to lament the Destruction, the mother will herself be Jeremiah, "Who comforts all, though the heart fears and weeps"; her motherly love will be a stand-in for divine providence and the chain of Jewish catastrophes will stand in for the covenantal saga. Just as the mother has assumed responsibility for most of the sacred roles, the traditional role of Isaac has been taken over by a girl, the poet's daughter, Blimele. In this new archetype of exile, then, mothers and daughters make up most of the chosen flock. As for the fathers, there is little they can do other than instruct their children in passive defiance, to face with a smile the death that surely awaits them. What Shayevitsh could not have foreseen is that the Germans would designate an *Aktion* especially for the old and the very young. During the week of September 5, 1942, his daughter and newborn ~~son~~ were dragged off to the waiting trains—accompanied only by their mother. x daughter

Remarkably, this poem reaffirms a faith in divine providence. For a poet in whose library "Isaiah hobnobs with Goethe," *all* past traditions, both sacred and secular, are brought to bear on the present catastrophe. To respond effectively, if at all, to this destruction requires all of one's cultural resources. Thus, the subversion of the moderns, from Bialik to Markish and Greenberg, must itself be subverted so that even the blasphemies become a source of consolation; so that traditional faith and secular humanism, artistic self-awareness and confessional prayer be merged into one.

ש. שײַעוויטש

# לך לך...

I (ז - 104)

און אַצינד בלימעלע, קינד-לעב,
צוים דײַן קינדערישע פֿרייד —
סיקוועקזילבערדיקע טײַכל אין דיר —
און צום אומבאַקאַנטן וועג לאָמיר זײַן גרייט.

שטעל נישט דײַנע גרויסע ברוינע
אויגעלעס אויף מיר נײַגעריק אויס
און פֿרעג נישט פֿאַרווען און פֿאַרוואָס
מיר מוזן פֿאַרלאָזן אונדזער הויז

איך אַליין בין שוין, קינד-לעב, שיינס,
אַ מענטש דערוואַקסן און שוין גרויס
און ווייס אויך נישט, פֿאַרוואָס מען טרײַבט
דעם פֿויגל פֿון זײַן נעסט אַרויס.

האַלט-אײַן דײַנע זיסע צאַרטע
געלעכטערלעך — זילבערנער געקלאַנג
פֿון פֿאַרצײַטישע בשׂמים-ביקסלעך —
און טו דיך אָן צום צווייטן גאַנג. *

טו-אָן די פּאָר וואַרימע הײזלעך,
וואָס ס'האָט דיר צורעכטגעמאַכט
די מאַמע ערשט נעכטן בײַנאַכט
און דערבײַ געזונגען און געלאַכט

[illegible]

און נישט געוווּסט, אַז די שטוב הערט
שוין איר לעצט פֿריילעך געלעכטער,
ווי די קו וואָס מעקעט און ווייסט נישט
פֿון חלף אין האַנט פֿון שעכטער.

טו-אָן, קינד, דאָס בלויע יאַקעלע,
וואָס כאָטש אַ ברעג האָט זיך אָנגעברענט
בײַם טרוקענען אויף דער רער — וועט עס דיר 1
וואַרימען דאָרט אין דער קאַלטער פֿרעמד

און אָפּהיטן דײַנע לונגעלעך,
אַז זיי זאָלן זײַן שטאַרק און געזונט.
און זיך חלילה נישט צוקילן 2
בײַ ליאַדע פֿרעסטל בײַם מינדסטן ווינט.

די פֿראָסט דרויסן סמאַליעט, ברענט, בײַסט,
נעמט אַרום מיט אַן אײַזערנע רייף
— נו, פֿאַרפֿלעכטן וועט דיר די מאַמע
די צעפּעלעך מיט אַ רויטע שלייף.

די פֿראָסט דרויסן גליט, פֿלאַמט, שטאָלט דעם גוף,
און דער באַראָמעטער ווײַזט אַכצן גראַד —
נו, כ'האָב פֿאַר דיר קינד-לעב אויסגעזוכט
ס'גאָלדן בענדל מיט טראָלדן פֿון זײַד.

שטעל — נישט דײַנע גרויסע ברוינע
אויגעלעס אויף מיר אַזוי אויס 3
און פֿרעג נישט פֿאַרווען און פֿאַרוואָס
מיר מוזן פֿון אונדזער שטוב אַרויס

## 91 Lekh-Lekho

SIMKHE BUNEM SHAYEVITSH

[illegible]

And now, Blimele, dear child
Restrain your childish joy
—That mercurial stream within you—
Let us be ready for the unknown road.

Do not gaze in wonder at me
With your great brown eyes
And do not ask any questions why
We have to leave our home.

Dear lovely child, I am
An adult, already grown,
And I don't know why they're driving
The bird out of its nest.

Keep back your gentle, sweet
Little laughters—silver ringing
Of old spiceboxes—
And get dressed to leave again.

Put on your warm little pants
Which your mother mended
Only last night
As she sang and laughed

And did not know the house was hearing
Her last happy laughter
Like the cow that lows and knows not
Of the knife in the slaughterer's hand.

Put on, child, your little blue jacket,
Although the hem is singed
From drying on the pipe;
It will warm you in the foreign cold

And guard your little lungs,
Keep them strong and healthy,
And don't God forbid, catch cold
In any frost, in the slightest wind.

The frost outside scorches, burns, stings,
Enfolds one with a hoop of iron.
Well, your mother will braid
Your little plaits with a red band.

The frost outside glows, flames, steels the body,
The thermometer has sunk to eighteen degrees.
Well, dear child, I found for you
The golden band with silver tassels.

Do not gaze in wonder at me
With your great brown eyes,
And do not ask any questions why
We have to leave our home

* From Jan 16 1942 until Jan 29, 10,103 Jews were deported from the Lodz ghetto. The deportations resumed on Feb. — and continued until [illegible]. During this period, 34,073 Jews perished.

(3)

און לאָזן זיך אין ווײַטע, ווײַטע
אומבאַקאַנטע פֿאַרשנייטע וועגן
און אַנשטאָט אַ דאָרף: אַ שטאָט
זאָל דער פּחד קומען אַקעגן.

און זײַן ווי מיסט צום מיסטן, צוגעגרייט
צו אַלערליי, אַלערליי פּלאָגן,
און אַז דאָ ווי הײַנט נעכטיקן
אַז דאָרט נישט מאָרגן טאָגן.

און נישט האָבן קיין ידיעה
וואָס דיך אין ווײַטן וועג דערוואַרט:
צי אַ וואַרעם בעט צום שלאָפֿן,
צי אַ גאָלן דיל — קאַלט און האַרט

צי אַ טעפּל וואַרימע קאַווע
און אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ באַשיט,
צי גאָר לעבעדיק, אַ לעבעדיק
און ברידער-קבֿרים פֿאַרשיט.

שטעל נישט דײַנע גרויסע, ברוינע
אויגענעס אויף מיר אויס מיט חידוש,
וואָס אין אַ פּראָסטן מיטוואָך מאַך איך
דעם פֿרײַטיק צונאַכטיקן קידוש.

דאָס מאַך איך קידוש: „יום השישי"
איבער אונדזער היימישער נעסט,
און זאָג מיט פֿרייד: „שלום עליכם"
צו די צוויי מלאכים-געסט

וואָס באַגלייטן מיר און גייען
אומעטום מיט מיר מיט/ זײַט בײַ זײַט,
און וויינען-מיט מיט מײַן געוויין,
און פֿרייען זיך מיט מײַן פֿרייד.

די צוויי מלאכים-געסט — ווער זענען?
נו. טרעף שנעל ווי אויסן בויגן די פֿײַל —
דאָס ביסטו. דאָך בלימעלע קינד-שיינס,
און דײַן מאַמע — די אשת חיל

וואָס אין איר געמיט רוט תמיד
דער שבת, כאָטש סיפּנים פֿאַרכמורעט,
ווי ס׳רוט די זון אונטערן וואָלקן
אין רעגן-טאָג, ווען דער הימל — פֿאַרכמורעט.

און כאָטש אין באַקאַנטן געטאָ-מקום
האָט זיך אונדזער (נעסט) געפֿונען
און אַ זילבער-שנייאיק געוועב
האָט די פֿראָסט-שפּין פֿאַרשפּינען.

דורך די דינע הילצערנע ווענטלעך
פֿון אונדזער ענג נישט געהייצט צימער
און ווי וויס-טויטע הענט געשראָקן
מיט איר קאַלט-אומהיימלעכן שימער

און כאָטש דער הונגער און די זאָרג
האָבן געבויגן דעם רוקן
און שרעק — אַן אַרומשפּרינגענדע זשאַבע
צעגראָבן סיפּנים ווי בײַ אַ זקן —

And are going on long, long
Unknown, snowy roads;
And why, instead of village or town,
Terror should come to meet us;

And why we are ready to be cast out like rubbish
For every kind of suffering,
And where we spend the night
We will not be at dawn;

And have no inkling
Of what awaits us on the distant road:
A warm bed to sleep in,
Or a bare floor, cold and hard;

A pot of hot coffee
And a piece of bread sprinkled with salt,
Or to be thrust alive, alive
Into a common grave, scattered with earth.

Do not gaze in wonder at me
With your great brown eyes, surprised
That on a weekday Wednesday
I recite the Sabbath *kiddush*.°

I recite the *kiddush*, "*Yoym hashishi,*"
Over the nest of our home
And sing with joy "*Sholem-aleikhem*"°
To the two angel guests

Who stay by me, go everywhere
With me, side by side
And weep with my weeping
And rejoice with my joy.

These two angel guests—who are they?
Now guess, quick as arrow from bow.
They are: you, Blimele, beautiful child
And your mother, the woman of valor°

In whose spirit rests always the Sabbath,
Though her face is darkened
—As the sun rests behind clouds
On a rainy day when the sky is darkened.

And although our nest
Is in a well-known spot called "ghetto,"
And a silver-snowy web
Has been spun by the spider of frost

Through the thin wooden walls
Of our cramped unheated room
And frightened us with dead white hands,
With its cold eerie gleam,

And although hunger and worry
Have bowed our backs
And terror, a leaping frog,
Buried our faces like an old man's—

*kiddush*: The benediction over wine.

*Sholem-aleikhem*: The Sabbath hymn recited immediately before kiddush.

*woman of valor*: Prov. 31:10–31. Traditionally chanted at the Friday night meal before kiddush.

(4)

צוגעבונדן צו אונדזער ווינקל
זענען מיר מיט טויזנטער שטריק
און אין אונדזער הארץ ברענט דאָס פֿײַער
און פֿלאַטערט דער חלום פֿון גליק

We are bound to our corner
With a thousand ropes,
And in our hearts the fire burns,
The dream flaps its wings—of hope—

ווי די גאָלדענע זאַטע זשאַרנע
אינעם שנעבעלע פֿון פֿויגל
איז דער חלום אונדזער שפּײַזער
א זוניק בראָנזן האָניק-טייגל,

Like the full golden kernel
In the beak of a bird;
The dream is our sustainer,
A sun-bronzed honey-cake

וואָס כאָטש נישט איינמאָל האָבן מיר זיך
אנטוישט און ביטער אָפּגענאַרט —
האָט ער דעסטוועגן געגעבן כּח
און מיר האָבן אויף בעסערס געוואַרט.

Which, although more than once
We've been disappointed, bitterly duped,
Yet it has given strength
And we have waited for better things.

———————— I

און אַצינד בלימעלע קינד-לעב
הער אויף... נו, הער שוין אויף צו שטיפֿן...
נישט קיין פּאַסיקע צײַט איצט דערויף —
מען קאָן אונדז יעדע מינוט רופֿן...

And now Blimele, dear child,
Stop—stop playing now,
No time for that,
We can be called at any minute

צו פֿערלאָזן די אָרעמע היים —
אַן עלנט שיפֿל אויפֿן אינדזל פֿון זאַמד
און שלײַדערן אונדז אין מיטן
נאַקעט צעבושעוועטן ים.

To leave our poor home
—A lonely boat on an island of sand—
And be hurled into the midst
Of a naked furious sea.

אַט דרויסן שלעפּן זיך שוין פֿאַרבײַ
די ערשטע גרופּן אויפֿן וואַנדער —
פֿרויען, מענער, זקנים, אויף רוקנס —
משׂאות שווערע, אויף הענט — קינדער.

Outside the first groups already
Are dragging themselves on the trek
Women, men, old people; on their backs
Heavy burdens, in their arms children.

זייערע פֿאַרכאַבלטע פּנימער
זענען פֿון שאַנד און פֿראָסט שיכּור-רויט.
זייערע שריט — פֿאַרחלשט-וואַקלדיק,
מיט בליקן-פֿאַרמשפּטע צום טויט.

Their grieving faces
Are drunken-red from shame and frost
Their step—fainting, staggering,
Their looks—sentenced to death.

Blotke: covered faces

נאָר אויף דעם חורבן איז נישטאָ
ירמיה וואָס זאָל קלאָגן איכה.
ער גייט נישט מיט מיט זיי און גלות
צום טרייסט ווי בײַ די בבֿל טײַכן

But there is no Jeremiah
To lament the Destruction.
He does not go with them into Exile
To comfort them by Babylon's streams.

און שטעל נישט קינד-לעבן אויף מיר אויס
דײַנע אויגן מיט חידושדיק געפֿרעג
פֿאַרוואָס גייען בלויז אָרעמעלייט
און די זאַטע וו צום ווײַטן וועג?

Do not gaze at me, dear child
With questioning wondering eyes—
Why are only poor folk here,
Where are the well-fed on the distant roads?

ווייס, קינד — ..עולם-וועלט, עולם-אייביק: —
ס׳ווערטל פֿון חכם א באַוווסטן —
כ׳האָב דאָך דיר שוין דערציילט די מעשׂה —
די מעשׂה מיט די קאַנטאָניסטן.

You know, child: *oylem* means world and it means eternal
The saying of a famous wise man.
I've told you the story
The story of the Cantonists°:

... אָרעמע קינדער געכאַפּט און פֿון
טאַטע-מאַמע אַוועקגעריסן
טאָ וואָס זשע קינד וווּנדערסטו זיך,
אַז יענע צײַט לאָזט די געטאָ גריסן...

Poor children, kidnapped,
Torn away from father and mother.
So why do you wonder, child,
If those times greet the ghetto?

און מיר מוזן נעמען אין האַנט
דעם אַלטן וואַנדער-שטעקן און גיין
און נישט וויסן ווו ס׳וועט אַהינקומען
אונדזער אָרעם און קראַנק געביין

And we must pick up
The old wander-staff and go,
Not knowing what will befall
Our poor sick bones.

צי מיר וועלן קומען ערגעץ
און דערגיין אויף אַן אָפּרו-אָרט
און מענטשן וועלן אויסשטרעקן
הענט פֿרײַנטלעכע מיט א גוט וואָרט

Whether we'll get somewhere
And reach a place of rest,
And people will stretch out
Friendly hands, with a kind word;

צי ווי פֿייגל קראַנקע. וואָס בלײַבן
ליגן טויט אין פֿעלד ערגעץ אין אַ טאָל
וועלן מיר אויסגיין אין מיטן וועג —
נישט קומען צו קבֿר ישׂראל.

Or whether like sick birds that fall
Dead in a field, in a valley somewhere,
We'll perish on the road,
Not be buried as Jews,

און סעודות וועלן זיך די ראָבן
מאַכן פֿון אונדזערע גופֿים
און אַז זאַט וועט ווערן איין טשאַטע
וועט זי דאָן די צווייטע רופֿן.

And the ravens will make
Banquets on our bodies,
And when one flock is sated
It will summon a second.

וויין נישט טײַער קינד. וויין נישט! ס׳לעבן
איז טאַקע שיין און ס׳ציט ווי מאַגנעט
און נאָך מער ווי תּמיד און נאָך מער
ווי אומעטום ציט׳ס אויף נאָך דער געטאָ.

Don't weep, dear child! Don't weep!
Life is beautiful, it draws like a magnet,
And more than ever and more than anywhere
It draws beyond the ghetto.

ווייס אָבער — דער זינדיקער מענטש
מוז תּמיד זײַן מוכן ומזומן
סײַ צום רעשיק פֿאַרביק לעבן.
סײַ צום וויסטן טרויעריק אומקומען. 6

But know that sinful man
Must always be prepared
Both for noisy colorful life
And for bleak unhappy death.

אָט ועסטו — פּאַק איך אײַן דעם טלית
און דעם קיטל אויף תּכריכים
און אויך דאָס קליינע. רויטע תּנך
און לייוויקס לידער אויף צײַט פֿון מנוחה.

Look I'm packing the *tallis*°
And the *kitl*° for a shroud
And also the small red Bible
And Leivick's poems for a time of rest.

° Prayer shawl.
° Man's solemn white linen robe.

און דו קינד — נעם מיט סישטיקעלע זייף
אויסצוואַשן דיר אַ העמדל —
ריין מוז מען זיך האַלטן אין דער היים
און נאָך מער און דער פֿרעמדער פֿרעמד.

And you, child—bring the bar of soap
To wash your little shirt.
One must keep clean at home
And still more in a strange, strange land.

פֿאַרגעס אויך נישט מיטצונעמען
ס׳ביסן קעמל ס׳ווײַסע און געדאַכטע —
דאָס קעמעלע וועט דיר די מאַמע
אָפּקעמען יעטוועדן פֿאַרנאַכט

And don't forget to bring
The white nit-comb, that we talked about before;
Every night mother will use it
To straighten out your hair

און זען און אַכטונג געבן אויף דיר
זאָלסט חלילה נישט ווערן פֿאַרלויזט
און זינגען דיר: „ביבל. ביבל
לייזעלע״ און דיך האַלטן אויף איר שויס

And take good care of you
Lest, God forbid, you get lousy,
And sing to you "Bibl, bibl
Little louse"—and hold you on her lap

און דיר דערציילן מעשׂהלעך
פֿון אַמאָל. וואָס ענלעך צום הײַנט
און זי וועט אַליין זײַן ירמיה.
וואָס טרייסט אַלעמען כאָטש ס׳האַרץ שרעקט און וויינט.

And tell you stories
Of the past that is like today
And she herself will be Jeremiah
Who comforts all, though the heart fears and weeps.

III (181-328) ז׳ ה״ם

און אַצינד בלימעלע קינד־לעב
וויין נישט דײַנע ווײַסע ציין אַרויס —
צום געזעגענען זיך מיט דער שטוב
געבליבן צײַט איצט פֿאַר אונדז בלויז

And now Blimele, dear child,
Don't weep out your little white teeth
We have only time
To say goodbye to the house.

טאָ לאָמיר זיך געזעגענען
מיט אַלעם וואָס אונדז איז ליב און טײַער
מיט יעדער קלייניקייט וואָס מיר לאָזן
דאָ איבער און ס׳לויפֿט אונדז נאָך ווי פֿײַער.

So let us say goodbye
To all that we hold dear,
To every little thing we leave
And it runs after us like fire,

מיט דער בענקשאַפֿט וואָס אַרײַנגעהויכט
אין איטלעכער זאַך ס׳האָט מײַן לונג
און וואָס האָפּקעט אונדז ווי אַ הינטל
סײַ ווי אומעטום נאָך טרײַ און פֿלינק.

With the longing that my lung
Breathed into each thing—
And bounds up like a puppy
Everywhere, faithful yet and swift;

מיט די נישט דערזינגענע געזאנגען.
וואס פלאטערן דא ארום אין שטוב
און לויפן פאראויס און גייען
אקעגן ווען מ'פירט אונדז צום גרוב.

לאמיר זיך מיט יעדן פיצל
געזעגענען פונקט ווי אלטע באבעס;
ווי מען געזעגנט זיך פרום פארנאכט
מיטן הייליקן טאג שבת

ווען שאטנס קריכן אויף ווענט און מ'דערבליקט
פינקלענדיק, וואכעדיקע שטערן —
ס'הארץ נאגט, צאפלט, ווערט צעריסן באנג
און פון אויגן קיקלען זיך טרערן.

אט איז דער טיש — דערויף ס'טישטוך
מיט די בלויע קעסטעלעך פארשפרייט;
אויף אים האט דיין ארעמע מאמע
אירע מאלצייטן צוגעגרייט.

כאטש נישט תמיד וואס צוגרייטן
האבן געהאט אירע בלייכע הענט,
האט דעסטוועגן א ליבער יום-טוב
אייביק פונעם טיש אראפגעבלענדט.

אויפן טיש האט אויך אויסגעגאסן 8
דיין טאטע זיין פיבערדיק געמיט;
דעם טישס האלצן הארץ דער ערשטער געהערט
דעם ניגון פון זיין אומעטיק ליד. 9

און האט אויפגעציטערט-דערשראקן
און גענומען מיטברומען שטיל
און אין וואלדיק-שארפן ריח
אונדזער ארעם שטיבל איינגעהילט

און די פייכט איינגעהויקערטע ווענט
האט אויסגעבויגן ס'קרומע אויער.
זיך געחידושט און מיטגעפליסטערט 10
דאס ליד פון פרייד, דאס ליד פון טרויער.

און דער באלקן אראפגענידערט
צו הערן די מאדנע געזאנגען
און דער דיל דביקותדיק זיך געדרייט
און פאר מתיקות שיר אויסגעגאנגען

אט, קינד-שיינס, איז די גארדעראב —
צוויי טירן און אין דערמיט א שפיגל,
וואס האט זיך אלעס שטיל צוגעזען
און אין גלעזערן הארץ עס פארזיגלט,

און טראגט אין זיך די זוניקע פארב
פון דיין רויט קערפערל, ביים געבורט
און ערשטן פראטעסט וואס צעקרומט האט
דיין זיידן ליפעלע אן ווארט

און (ווי א פאטעפאן-פליטע —)
טראגט פארבארגן אין זיך דער שפיגל
ס'ערשטע ליד מיט וואס איינגעדרימלט ביסט
אין דיין פראסטן שטרויענעם וויגל

און פארקריצט איז דארט דיין ערשט געלעכטערל,
וואס האסט צעשפריצט ווי שאקאלאד זיסע;
און אויך שוין דער דערצו ענדלעכער
מויל-קרום פון לעצטן ווי בעת גסיסה.

*Reference to the Got fun Avrom (God of Abraham) prayer recited by women at the end of the Sabbath.*

With the unsung songs
That flutter about the house
And run ahead and come to meet us
When we are led to the grave.

Let us take leave of each tiny thing
Just like old grandmothers
Piously taking leave at dusk
Of the holy Sabbath day.°

When the shadows creep on the walls
And one sees twinkling weekday stars.

The heart gnaws, quivers, is torn by regret
And from the eyes run tears.

Here is the table—on it is spread
The cloth with the blue squares.
Your poor mother
Prepared her meals here.

Although her pale hands
Didn't always have something to prepare,
Nonetheless, the dear holiday
Always dazzled from the table.

On the table, your father too
Poured out his fevered spirit;
The table's wooden heart was the first to hear
The melody of his mournful song,

And shuddered in fear,
And began humming quietly too,
And our poor house was wrapped
In a sharp forest smell

And the damp bowed walls
Lent a crooked ear
Were surprised, and whispered as well
The song of joy, the song of grief,

And the ceiling lowered itself
To hear the peculiar songs
And the floor spun in rapture
And almost died of sweetness.

Here, child, is the wardrobe—
Two doors and a mirror between them
Which quietly saw everything
And sealed it in its glassy heart

And holds within it the sunny hue
Of your little red body at birth
And the first protest that made
Your silky lip scowl without a word

And like a phonograph record
The mirror holds hidden within it
The first song that lulled you to sleep
In your simple cradle of straw.

And your first little laugh is engraved there
Which spurted like sweet chocolate;
And also the similar twist of the mouth
In the final throes of death.

און אַט. קינד. אין רעכטן פּליגל־שאַנק
האָט דײַן מאַמע געהאַלטן די װעש.
װאָס אירע הענט אַלײן געװאַשן
און װהאָבן געשמעקט מיט ריחות פון בעז.

און זי האָט זי געפּלעגט אַרײַנװײנען,
װען איר האָפֿנונג איז צערינען
און די חלומות האָבן זיך
געלאָשן װי פֿאַרנאַכטיקע זינען.

נאָר אָפֿט אַרײַנגעלאַכט װען אין מיטן
פֿאַראַכטן זי האָט זי אײַנגעדרימלט
און געזען דײַן מזל — אַ זון,
װאָס גײט אויף אין בלויען הימל.

און אין לינקן פּליגל ליגן דאָרט
ספֿרים. ביכער און מײַנע כּתבֿים —
ישעיה חבֿרט זיך מיט געטען און רבֿ
יונתן אײבעשיץ מיט טװים.

און יעסענין װיל זיך אָנשיכּורן
און משתּין זײַן בפֿני קהל ועדה
נאָר ער זעט פּלוצים, װי אַבֿרהם
פֿירט יצחקן אויף דער עקידה.

מרים אולינאָװער װײַזט פֿון איר
באָבעס אוצר די ..אַנטיקלעך״ —
פֿלאַמט דוד המלך אויף בײַם תּהילים
און מאַכט לכּבֿוד אים רקודימלעך. 11

און דער קאָצקער שטײט נאָך אַלץ און װאַרט
מיט קנױליקער באָרד און בײז געבּרומ
אויף צען יונגעלײט װאָס זאָלן פֿאַר װעלט
אויסשרײַען: ,,ד׳ הוא אלוקים״.

נאָר דער װאָרקער קלאַפּט אים פֿרײַנטלעך
אין פּלײצע, אַז בײַם קאָצקער ציקט די ברעס;
,,ניטע. ניגלות איז אַ ייד־אַ יעדן טאָג 12
שױן מקיים מצוות קידוש השם — —

אַ מער — מ׳רן כאַפּן ייש אַ קאַפּ. 13
אַ שטיקל קעז און זאָגן לחיים
און שױן צײַט דער בורא ברוך הוא
אַלײן זאָל מקדש זײַן שם שמים״....

און מיט הכנעה און מיט ציטער
ליגן מײַנע לידער און נאָװעלן; 14
זי ליגן און װאַרטן מיט שרעק 15
װי אָרעמעלײט אויף רײַכע שטעלן

און שעפּטשען שטיל. פֿליסטערן מיט תּחנונים 16
ביז סידערהערט ײער מורמלען רבֿ אשי
און הײסט מאַכן אַ װאָרע און סיװערט
אויך פֿרײַנטלעך דער שטאָלצער שלום אַש

און אַ גערודער װערט: ..נאָך אײנער
אין דער משפּחה... לאָמירן קרױנען״ —
צעשפּרײט אהרן הכּהן די הענט
צום דוכן און זאָגט ברכּת כּוהנים...

ציטערט. ציטערט ספֿרים הײליקע
ציטערט. ציטערט חלומות פֿון גאונים —
אין באַגין אַמאָל װעט אײנער אויפֿשטײן 17
און אין די בלױיע תּחתּונים

And here, child, on the right side of the cupboard
Your mother kept the laundry
Washed by her own hands
And scented with lilac

And she used to weep into it
When her hope evaporated
And her dreams went out
Like suns of earlier days.

But she often laughed into the clothes
When she slumbered amidst her work
And saw your luck like a sun
In a blue sky rising.

And on the left side lie Holy books,
Worldly books, my manuscripts.
Isaiah hobnobs with Goethe,
Reb Jonathan Eybeschuetz° with Tuwim.°°

And Yesenin° wants to get drunk
And urinate in public
But suddenly he sees Abraham
Leading Isaac to Mount Moriah.

Miriam Ulinover° displays
The "antiques" from her grandmother's treasure;
King David flames up in the Psalms
And foots in His honor the circle-dances.

And the Kotsker° still stands waiting
With knotted beard and angry mutter
For ten young men to cry out to the world:
THE LORD ALONE IS GOD!

But the Vorker° slaps him on the back
In friendly fashion till the Kotsker blinks.
"Don't be a fool! Every day a Jew in Exile
Performs the command of *Kiddush Hashem*.

"So instead let's take a drop of whiskey,
A bite of cheese, and say *Lekhayim!*
It's time for God, the blessed, Himself
To hallow the name of heaven."

And in humility and trembling
Lie my poems and stories,
They lie and wait in fear
Like poor folk for well-paid jobs

And whisper quietly, softly entreat
Till Rav Ashi° hears their murmur

And bids "Make way!"; friendly, too
Is the proud Sholem Asch.°

And there's an uproar: "Here's another
In the family—let's crown him!"
Aaron the Priest makes with hands
And spoken words the priestly blessing.

Tremble, tremble, sacred books,
Tremble, tremble, dreams of geniuses—
Some dawn, someone will get up
And, dressed only in underpants,

*Talmudist and kabbalist (circa 1695–1764).*

*Major Polish poet of Jewish descent (1894–1953).*

*Enormously popular Russian poet (1895–1925) who married Isadora Duncan.*

*From Lodz (1894–1944); most famous for her volume Der bobes oytser (Grandmother's Treasure, 1922).*

*Menahem Mendl of Kotsk (died 1859), a late Hasidic master.*

*Yitzhak of Vorke (died 1858), a disciple of Simkhe Bunem of Pzhysha.*

*Credited with redacting the Babylonian*

---

*Talmud (circa 335–427 C.E.).*

*Most prolific and popular Yiddish novelist before World War II (1880–1957).*

וועט ער פון אײַך שנײַדן קוואדראטנע
שטיקלעך אשר-יצר פאפיר
און ריוועט זיך נאך קרומען: „ס'באשריבן —
ס'קאן נאך חלילה פארשאדן מיר״....

און אט איז סיבעט ווו ס'האט זיך אנטפלעקט
די קראפט פון אדם הראשון
און וואס איז דער עדות פון געטער.
פון א מעשׂי-בראשית א פרישן.

דאס בעט וואס האט אונדז צארט פארוויגט
מיט די זיסטע, שענסטע חלומות
און געוויזן פרויען — טויזנט מאל
שענער פאר די טויזנט ווײַבער שלמהס.

דאס בעט, וואס האט אונדז אויפגעהויבן
ווי א כשופדיקע ראקעטע
און איבער אלע צוימען און דראטן
אונדז ארויסגעפירט פון דער געטא

און געפלויגן מיט אדלער-פליגלען
איבער מדינות און שענסטע מקומות —
אין נעכט פון צער ארויסגעצויגן
אונדז פון די טיפסטע, טיפסטע תהומות

און אונדז געמאכט יונג, און שיין און פריש —
אריינגעזעצט אין שלעסער גאלדענע
און אנגעטון קרוינען אויף די קעפ
דוקא אין שעהן פארשאלטענע

און אונדז דערציילט וואונדערלעכע
מעשׂות פון טויזנט און איין נאכט.
און אין אונדזערע טריבע געמיטער
מיט טויזנט חנען אריינגעלאכט.

קרעכץ, קרעכץ ליטועליקדיק הייליק בעט —
אויף דער קילא פארקויפט ווערסטו אצינד —
א געטא-זופ אפצוקאכן
ביי דיין פלאם איז אסור נישט קיין זינד......

(412 - 329) IV

און אצינד בלימעלע קינד-לעב —
אט זע ווי דרויסן וואנדערט שוין אויס 18
די צווייטע גרופע אין גלות אריין —
באלד וועלן מיר אויך מוזן ארויס.

און כאטש, קינד, ביסט א מיידעלע
און ווער ס'לערנט מיט זיין טאכטער תורה
איז ווי ר'וואלט איר אויסגעלערנט צו טון
אן אומווירדיקע עבירה —,

געקומען איז דער בייזער טאג,
געקומען איז די בייזע שעה,
וואס לערנען כימוז מיט דיר, א מיידעלע,
די שרעקלעכע פרשה לך לך

נאר ווי מעג מען עס פארגלייכן
צום בלוטיקן לך לך פון היינט! —
„און געזאגט האט גאט צו אברם
גיי דיר ארויס פון דיין לאנד

און פון דיין געבורטס-ארט און פון
דיין פאטערס-הויז צום לאנד, וואס כ'וועל דיר
אנווייזן און דארט וועל איך
מאכן א גרויס פאלק פון דיר״.......

Will cut squares out of you
For toilet-paper°
And turn up his nose too—"They're printed on!
It could harm me, God forbid!"

The abandoned libraries of religious books that had belonged to Jews deported from the ghetto were routinely used as toilet paper; see Isaiah Trunk, *Lodzher geto* (New York: YIVO, 1962), p. 453.

And here is the bed where the power
Of the first Adam was revealed
And that is the testimony of gods
To a new Genesis.

The bed that lulled us gently to sleep
With the sweetest, most beautiful dreams
And showed women a thousand times lovelier
Than Solomon's thousand wives.

The bed that lifted us
Like a magic rocket
And over all fences and wires
Carried us out of the ghetto

And flew with eagle wings
Over kingdoms and the most beautiful places
In the night of grief, drew us out
Of the deepest, deepest abysses,

And made us young, beautiful and fresh,
Set us down in golden castles
And put crowns on our heads
In the very hours of damnation,

And told us wonderful stories
Of a Thousand and One Nights
And into our gloomy mood
Laughed with a thousand charms.

Groan, groan—gracious, holy bed,
You're being sold now by the kilo.
To cook by your flame a ghetto soup
Is not, God forbid, a sin.

ר

And now, Blimele, dear child,
Look outside, how the second group°
Is already wandering into Exile.
Soon we'll have to set out, too.

The mass deportations resumed on February 22, 1942, after a one-month interruption.

And although, child, you're a little girl
And he who teaches his daughter Torah
It is as if he taught her
To commit an unworthy sin°—

B. Sotah 20a.

Yet the evil day has come,
The evil hour has come,
When I must teach you, a little girl,
The terrible chapter *"Lekh-lekho."*

But how can one compare it
To the bloody *"Lekh-lekho"* of today?
"And God said to Abram:
Go forth from your land

And from the place of your birth
And from your father's house
To a land that I will show you
And there make of you a great people."°

Gen. 12:1.

און איצט מוז דאס גרויסע פאלק ארויס
צום אומבאקאנטן וויטן וועג —
קראנק און מיד — צעבראכענע שיפלעך.
וואס דערשווימען נישט צו קיין ברעג.

ווער סיוועט פאר הונגער-חלשות
זיך אראפזעצן אין מיטן שניי
און שטיל אזוי און פיינלעך אזוי
ווי א הינטל אויסגיין אין ויין ווי.

וועמען סיוועלן פאר שרעק די אויגן
ארויסקריכן. און אין מיטן גיין
וועט אים פלוצים סיהארץ — א כטרונע פלאצן
און ער וועט פאלן שווער ווי א שטיין.

און וועמענס אן אפגעציטערט קינד
וועט אין פראסט-פייער פארפרירן
און די מאמע וועטיס נאך טראגן לאנג
און מיינען אז כיטוט זיך נאך רירן.

און טאטעס וועלן רופן די קינדער
און קינדער וועלן מאמעס מאנען —
משפחות וועלן זיך פארלירן
און זיך מער נישט אפגעפונען.

און לאנגע שטחים וועט מען טראגן
אויף אקסלען סיגרויסע שווערע געפעק
און ליכוף סיאוועקווארפן און צומאל
נישט האבן קיין קישן אונטערן קאפ

און דער קראנקער וועט אן כח
אין טיפע שנייען בלייבן שטעקן —
די פייגל וועלן פארבייפליען
און ווי פאר כטראשידלעס זיך שרעקן.

און פרויען מיט מעוברתע לייבער [19]
וועלן פארשמאכטע אנידערקניען
באלד וועלן זיי פאלן אהינטער זיך
און דער שניי וועט זיי ווי קוילן גליען

און פון די פייערדיקע פנימער
וועט זיך גיסן טויט-קאלטע שווייסן
און דאס הינטישע און ווייען געוויי
וועלן זיי מיט די ליפן פארבייסן

און זיך ברעכן און זיך קורטשען
אויפן פיינלעך-שנייאיקן בראך-שטול
קעגן הימל. קעגן זון. קעגן גאט.
קעגן אלע וואס האבן זיך לוסטיק צעשפילט.

איבער זייער טראכט וואס מפילט אין שניי
און באפרוכפערט סיפעלד מיט בלוט און געוויין.
ווייסער שניי צינדט זיך רויט און רויט וועט —
אין גאלדענע ואנגען אויפגיין.

און מיט טויזנטער פיינען און מיט
טויזנטער שרעקן וועט די נאכט גרוילן —
ראטש די לבנה לייכט העל — דער שטערן פינקל [20]
וועט יאגן אימהדיק ווי ביקסן קוילן [21]

און סאייז אונטער די פיס וועט קנאקן
מיט דער בהלה פון שראפנעל-אויפרייסן.
דער שניי וועט ווינקען : ..תכריכים פאר אלע ...
תכריכים פאר יונגע און גרייזן״

And now the great people must go
To the unknown distant road—
Sick and weary—broken ships
That do not reach a shore.

One of them, faint with hunger
Will sit down in the snow
And quietly, in pain,
Die like a hurt ~~puppy~~.

Another's eyes will fail
For terror on the road,
His heartstring will suddenly snap
And he'll fall heavy as a stone.

And someone's shivering child
Will freeze to death in the frost-fire,
And its mother will long carry it
Thinking it's still moving.

And fathers will call to their children
And children demand things from their mothers—
Families will get lost
And never find themselves.

And for a long way they'll carry
The great heavy pack on their shoulders

And throw it away at last, and often
Have no pillow under their head.

And the sick man, strengthless,
Will come to a halt in deep snows.
Birds will fly past
And be frightened, as by a scarecrow.

And women, pregnant, will collapse,
Fainting, to their knees.
Soon they will fall behind
And the snow will glow for them like coals.

And from their fiery faces
Death-cold sweat will pour
And the doggish howl and cry
They'll bite back with their lips

And vomit and writhe
On the painful, snowy birthing stool
Against heaven, against sun, against God,
Against all who merrily played.

Over their womb that aborts in snow
And makes the field terrible with blood and weeping
White snow kindles red,
And the red will rise in golden sheaves.

And with a thousand agonies
And a thousand terrors the night will shudder.
Though the moon shines brightly, the glitter of stars
Will hunt with fear, like rifle bullets.

And the ice underfoot will crackle
With the uproar of shrapnel explosions.
The snow will beckon: "Shrouds for all!
Shrouds for the young and aged!"

(10)

און פֿון יעדן קוסטעקל און פֿון יעדן
צווײַגל וועלן זיך הענט הייבן
און ארויסבליקן פֿון יעדן ביימל
וועלן אויגן ווי פֿון וועלף און לייבן

עמעצער אין א וואלדיקן מדבר
וואס פּאַסטעווען אויף דײַנע טריט —
דײַן אָטעם פּארע וועט אָפּקלינגען
ווי דער גאַנג פֿון דײַן אייגן וואַרים בלוט.....

איז א גרוס דיר זיידע אַברהם —
מיר גייען אויף דײַן וואנדער. דעם שווערן.
נאָר צו וועסטו זיך נישט שעמען
פֿאַר די אייניקלעכס בלוטיקע טרערן ?!....

---

(10 - 413) V

און אצינד. בלימעלע. קינד-לעב.
טו-אָן סימענטעלע און לאָמיר גיין —
עס הוידלט זיך שוין די דריטע גרופּע
און צווישן זיי מוזן מיר אויך שוין זײַן.

נאָר לאָמיר נישט וויינען. לאָמיר נישט
יאָמערן און להכעיס אלע שונאים —
שמייכלען. נאָר שמייכלען. אז וואונדערן
זאָלן זיי זיך וואָס ייִדן קאָנען

און נישט פֿאַרשטיין אַז אין אונדזער בלוט
ריזלט קראַפֿט פֿון אונדזערע זיידעס.
וואָס זענען אין אַלע דורות
געגאַנגען אויף כּלערליי עקדהס

אַז כאָטש אונדזער טריט איז וואַקלדיק
ווי דעם בלינדנס פֿאַר אַ פֿרעמדער טיר —
קלינגט אין אים דער עכאָ פֿון פֿעטערס
גאַנג אויף די וועגן פֿון סיביר.

אַז כאָטש ווי בײַ געפֿאַנגענע חיה
ציקט די שרעק אין אונדזער וויִעס —
ברענט דער שטאָלץ אין פֿלאַמיק-הייסן בליק
ווי בײַם טאַטן אויף דער תּליה.

אַז כאָטש מען קאָן אונדז יעדער מינוט
פֿאַרפּײַניקן און אויך דערשיסן —
עך. נישט קיין נײַעס איז עס — אונדזער
שוועסטער האָט מען נאַקעט געשמיסן.

איז לאָמיר נישט וויינען. לאָמיר נישט
יאָמערן און להכעיס אלע שונאים —
שמייכלען. נאָר שמייכלען. אַז וואונדערן
זאָלן זיי זיך וואָס ייִדן קאָנען

און נישט וויסן אַז סיבאַגלייטן אונדז הײַנט
די זעלבע מלאָכים, וואָס אַמאָל —
פֿון רעכטס — מיכאל. פֿון לינקס גבֿריאל.
פֿון פֿאָרנט — אוריאל. פֿון אונטן רפֿאל.

און כאָטש אונטער די טריט — דער טויט —
איבערן קאָפּ — די שכינה פֿון גאָט —
איז קינד ארויס מיט מסירת נפֿש
ניגעם און מיטן אַלטן אחד.

Allusion to Leivick's poems about his life in Siberian exile.

And from every shrub
And every twig, hands will lift
And from every little tree
Eyes, as of wolves and lions, will peer.

Someone in the forest waste
Who lies in ambush for your step—
Your vaporous breath will ring
Like the flow of your own warm blood.

So greetings to you, grandfather Abraham!
We go on your hard journey
But won't you be ashamed
Of your grandchildren's bloody tears?

And now, Blimele, dear child,
Put on your little coat, let's go.
The third group sways in readiness
And we must join them now.

But let us not weep.
Let us not lament, but in spite of all foes
Smile, only smile, so those
Who know the Jews will wonder

And not understand that in our blood
Flows the power of our grandfathers
Who in all generations
Climbed atop so many Moriahs;

That although our step is unsteady
Like a blind man's at a strange door,
There rings in it the echo
Of our uncle's stride on Siberian roads°

That although, as in a fallen beast,
Terror in our eyelash trembles,
Pride burns in flaming lightning-bolts
As in our father on the gallows.

And although at any minute
We can be tortured and shot,
Well—it is nothing new:
Our sister was whipped naked.

So let us not weep,
Let us not lament, but in spite of all foes
Smile, only smile, so those
Who know the Jews will wonder
~~And not know~~ Not knowing that today
The same angels go with us as before:
On the right Michael, on the left Gabriel,
Uriel in front and Raphael in the rear.

And although beneath our feet is death,
Over our head is God's Presence.
So child, let us go with devotion renewed
And our old proclamation of Oneness.

Lodz ghetto, February 23, 1942